# וכל מאמינים

**א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים**

פרשת במדבר תשפ"ג שנה ט | גליון מס' 483



בני אמונים
מתחזקים בעניית אמן
לע"נ הרה"ח ר' חיים בן ציון בהרה"ח ר' אהרן צבי מרמורשטיין זצ"ל
נפטר י"ג אלול תשס"ג

ת.ד 102 בני ברק
פקס: 03-5055919
9139191@gmail.com


## פניני אמונים

**פערל ווערטער אויף תפילה אין די פרשה**

### ביטחון – א שליסל צו תורה

**"וַיְדַבֵּר ה' אֶל מֹשֶׁה בְּמִדְבַּר סִינַי בְּאֹהֶל מוֹעֵד בְּאֶחָד לַחֹדֶשׁ הַשֵּׁנִי בַּשָּׁנָה הַשֵּׁנִית לְצֵאתָם מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם לֵאמֹר"** (א א)

חכמים דרש'ענען (במ"ר א ז) אויף דעם פסוק אז די תורה איז געגעבן געווארן דורך דריי זאכן: פייער, וואסער און אין מדבר, און פון דעם לערענט מען זיך: "אזוי ווי די זאכן זענען אומזינסט פאר אלעמען, אזוי אויך די תורה איז אומזינסט פאר אלעמען". לייגט צו **רבי יעקב ניימאן**, ראש ישיבת 'אור ישראל': די תורה איז דווקא געגעבן געווארן אין מדבר, אונז צו לערנען אז ביטחון איז א תנאי צו קענען זוכה זיין צו תורה; אזוי ווי איינער וואס געפינט זיך אין א וויסטן מדבר, ווייט פון א ישוב און אן א העלפער און א שטיצער, פארלאזט ער זיך נאר אויף השי"ת אליינס, אזוי אויך, דער וואס וויל זוכה זיין צו תורה - דארף זיך פילן ווי איינער וואס וואוינט אין מדבר און פארלאזט זיך נאר אויפן באשעפער אליין. בטחון איז א וויכטיגער תנאי צו קענען זוכה זיין צו תורה, אזוי ווי א מענטש וואס קומט כסדר צו א תלמיד חכם, וועט זיכער זיך אפלערנען פון זיין חכמה אין לויף פון די טעג, אזוי אויך דער וואס האט בטחון אין ה' און פארלאזט זיך אויף אים, וועט זוכה זיין לערנען פון די חכמה פון השי"ת.

דערפאר ביי די ברכה 'אהבה רבה' וואס מיר בעהטן אין דעם אויף תורה, באטאנען מיר דער ענין פון ביטחון: "בעבור אבותינו שבטחו בך ותלמדם חוקי חיים", צו זאגן: אונזערע אבות האבן זוכה געווען לערנען "חוקי חיים", נאר צוליב זייער ביטחון אין ה'.

'דרכי מוסר'

### א באשטימטן ארט אין שוהל

**"וְחָנוּ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל אִישׁ עַל מַחֲנֵהוּ וְאִישׁ עַל דִּגְלוֹ לְצִבְאֹתָם"** (א נב)

**רבי יעקב אבוחצירה** בעל 'אביר יעקב' טייטש:

די חכמים האבן זייער מחשיב געווען צו האבן א 'מקום קבוע' אין שוהל בשעת'ן דאווענען, און אזוי האבן געזאגט (ברכות ו ב): "כל הקובע מקום לתפלתו אלקי אברהם בעזרו". דאס איז מרומז אין אונזער פסוק: "וְחָנוּ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל" - בשעת'ן דאווענען, "אִישׁ עַל מַחֲנֵהוּ" - ביי די ארט ווי די שכינה רוהט, אין שוהל, "וְאִישׁ עַל דִּגְלוֹ" - אויף א קביעות'דיגן ארט, אזוי ווי די דגלים זענען געווען א צייכן פאר די שבטים זייער באשטימטן ארט אין מחנה ישראל.

'פתוחי חותם'

### ברכת התורה – איז א 'גוטע ענדע' ביים ליינען

**"וְלֹא יָבֹאוּ לִרְאוֹת כְּבַלַּע אֶת הַקֹּדֶשׁ וָמֵתוּ"** (ד כ)

דער רמב"ם פסק'נט (תפילה יג ה, ע"פ ירושלמי מגילה ג ז): "כל העולה לקרות בתורה פותח בדבר טוב ומסיים בדבר טוב". לויט דעם איז נישט פארשטענדליך וויאזוי ענדיגן מיר ליינען די פרשה מיט דער פסוק וואס רעדט פון א שטראף?

ערקלערט דער **'בן איש חי'**:

ווייל חז"ל האבן מתקן געווען זאגן א ברכה נאכן ליינען, קומט אויס אז יעדע קריאת התורה בציבור ענדיגט זיך מיט א דבר טוב - מיט ברכת התורה. און טראץ אז נישט דער וואס ליינט זאגט די ברכה נאר דער וואס איז עולה, פון דעסטוועגן דורך דעם וואס דער בעל קורא ענטפערט 'אמן' אויף די ברכה פון דער עולה, איז עס ווי ער אליין האט געזאגט די ברכה און האט געענדיגט מיט א דבר טוב. לייגט צו דער 'בן איש חי', דער וואס איז מעביר סדרה 'שנים מקרא ואחד תרגום', זאגט דאך נישט א ברכה ביים ענדיגן, איז פאסיג ער זאל ליינען נאך א פסוק פון די קומענדיגע פרשה אדער איבערזאגן א פסוק פריער, כדי ער זאל ענדיגן מיט א דבר טוב.

פון די אויבנדערמאנטע ווערטער קען מען זיך לערנען אז ברכת התורה איז א חלק פון די ליינען. דעריבער פירט זיך **הגר"י זילבערשטיין** שליט"א ווען ער איז עולה לתורה, נישט צודעקן די ספר תורה ביזן ענדיגן די ברכה נאכן ליינען.

שו"ת 'רב פעלים' ח"ד או"ח מב; 'בירורי חיים' ח"ה סי' מח בהערה ב

## פתחו שערים

**די ווארט פונעם גרינדער און נשיא פון 'בני אמונים'**

### ענטפערן אמן אויף ברכת התורה

ירמיהו בן חלקיהו, דער נביא ה' וואס האט געזאגט נבואה אין די תקופה פון חורבן בית ראשון, האט אין זיין נבואה אנטפלעקט די סיבה פארוואס ירושלים און די בית המקדש זענען חרוב געווארן, און אזוי האט ער געזאגט (ירמיה ט יא-יב): "מי האיש החכם ויבן את זאת ואשר דבר פי ה' אליו ויגדה, על מה אבדה הארץ; ויאמר ה' על עזבם את תורתי אשר נתתי לפניהם". חז"ל (נדרים פא א) דרש'ענען אז "עזבם את תורתי", איז טייטש: "שלא ברכו בתורה תחילה".

אזוי גרויס איז די מעלה און חשיבות פון די ברכה, אז אלס שטראף פאר'ן עס מבטל זיין איז דער בית המקדש חרוב געווארן. פארוואס?! וואס איז די גרויסע עבירה פונקט אין דעם אז מען האט נישט געזאגט ברכת התורה?!

אויסער די סאך פירושים וואס זענען געברענגט געווארן אין די ספרי הראשונים און אחרונים, האב איך געטראכט אז מ'קען צולייגן און ערקלערן אז די ברכה איז דער יסוד פון אריבער פירן די תורה פון די פריערדיגע דורות צו די קומענדיגע, אזוי ווי מיר בעהטן אין דעם א אייגנארטיגע בקשה: "ונהיה אנחנו וצאצאינו... וצאצאי עמך בית ישראל כולנו יודעי שמך ולומדי תורתך לשמה". נישט זאגן ברכת התורה לייגט אריין אין א געפאר דעם המשך פון אריבער פירן די תורה פון די פריערדיגע דורות, צוליב דעם איז עס אזוי הארב.

א ראי' דערויף קען מען ברענגען פון דעם וואס חז"ל האבן געזאגט (שם) אז דער וואס זאגט נישט ברכת התורה איז נישט זוכה צו א זון א תלמיד חכם, פון דעם זעהט מען אז זאגן ברכת התורה און אריבער די תורה צו די קומענדיגע דורות זענען פארבינדן צוזאמען.

די "פארזיכטיגקייט" וואס עס פעהלט אויס ביי די ברכה, ווערט אויך אויסגעטייטשט אז מען דארף דאס זאגן בשלימות, ד.מ. באזונדער מקפיד זיין זאגן די ברכה פאר איינער וואס וועט ענטפערן אמן, ווייל אויב די ברכה איז אזוי חשוב, מוז מען אוודאי אכטונג געבן עס זאל זיין בשלימות, און ענטפערן אמן איז דאך משלים די ברכה.

דאס אלעס איז אויסער די באזונדערע חשיבות וואס ענטפערן אמן אויף ברכות התורה פארמאגט, אסאך פון די ראשונים האלטן אז עס איז א מצוה מן התורה (זען מ"ב ריש סי' מז), און דער 'פרי מגדים' שרייבט (או"ח רטו משב"ז ב) אז די וואס האלטן אז די ברכה איז מן התורה, אזוי אויך ענטפערן אמן אויף די ברכה איז מן התורה. אין פארבינדונג צו דעם איז כדאי צו באמערקן וואס די ראשונים האבן מרמז געווען (פירוש התפילות והברכות לר"י בן יקר ח"א עמ' קיב) אז אמן איז ר"ת: **'אז מסיני נצטוו'**, ווייל ווי געזאגט די מצוה פון ענטפערן אמן אויף די תורה וואס איז אונז געגעבן געווארן אין סיני האבן מיר טאקע באקומען אין סיני.

ווי סימבאליש איז אז נאכן לערנען יו"ט שבועות ביינאכט, ווי דער מנהג איז ביי כלל ישראל, זענען אסאך יוצא די מצוה פון 'ברכות התורה' דורך הערן און ענטפערן אמן. און זיכער אז דאס קען אונז מעורר זיין איבער די חשיבות פון ענטפערן אמן נאך די ברכה.

יהי רצון אז די זכות פון זאגן ברכות התורה בשלימות וועט אונז ביישטיין אז מיר זאלן זוכה זיין צו בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצוות, אזוי ווי מיר אלע וואונטשן זיך. אמן.

**מיט א רוף "ונהיה כולנו יודעי שמך"**

**א גוט שבת**

יעקב דוב מארמארשטיין

# די ברכת התורה נאך זיבעציג יאר זיין אפגעריסן

די פאלגנדע מעשה איז פארגעקומען אין שטאט פתח תקוה. אין דער צייט וואס די אייזערנער פארהאנג איז אראפגעפאלן און אסאך רוסישע אידן זענען ארויף קיין ארץ הקודש. דאס איז געווען אין איינע פון די שבתים, ווען אין אנהויב תפילת "נשמת" איז אריין אין בית המדרש א אומבאקאנטער אלטער איד, באגלייט און אנגעליינט אויף די הענט פון א יונגער מענטש, וועלכער האט אויסגעזען צו זיין זיינער א זון.

א שטיק צייט איז דער טאטע מיטן זון געשטאנען צעמישט ביים אריינגאנג פון שוהל, באטראכטן די מתפללים פון קאפ ביז פיס, און ערשט דאן זענען זיי ביידע אריין קווענקעלדיג. די צוויי האבן נישט געוואוסט ווי אזוי צו דאווענען, און עס האט אויסגעזעהן אז זיי האבן נישט געוואוסט אז זיי דארפן זיך דערמיט שעמען... נאך זיבעציג יאר זיין אפגעריסן פון אידישקייט אונטער די קאמוניסטישע הערשאפט, האט דער באזוך אין שול אויסגעזען אין זייערע אויגן ווי א טשיקאווע אטרעקשען.

עס האט אויסגעזען אז זיי זענען אנגעקומען בטעות צו דעם ארט, אינמיטן א שפאציר צוזאמען, אבער א פארנעפלטער זכרון וואס האט זיך דערוועקט אין זייערע הערצער, האט צוגעברענגט זיי זאלן אריינגיין, און ענדליך זיך אויך אראפזעצן אויף ליידיגע זיצן און זיך אומקוקן מיט נייגער.

ווען מען האט געדארפט אנהויבן 'שוכן עד' האט דער גבאי מכבד געווען איינעם פון די מתפללים זאל צוגיין צום עמוד. דער מענטש


דער גרויסער שוהל אין פתח תקוה

איז געבענטשט געווארן מיט א זיסע שטימע, און האט אראפגעלייגט דאס דאווענען מיט א זיסקייט. ווען ער האט געדרייט זיין שטימע ביי די שטיקל פון 'שוכן עד', האבן זיך אנגעזעהן טרערן אין די אויגן פונעם אלטן, און אויף זיין פנים האט זיך ארויסגעוויזן זיין התרגשות.

אין דער צייט וואס דער זון וואס איז געזיצן נעבן אים האט זיך ארומגעקוקט מיט א פארפרוירענעם בליק, האט זיך אנגעזעהן אויפן טאטן ווי ער ווערט מער צוגעקלעפט צו זיין ארט. ער האט געקוקט אויפן שליח ציבור דורכאויס די גאנצע דאווענען, ער איז איבערגענומען געווארן ביי די תפילה פון 'א-ל אדון', געוויינט ביי די ניגון פון 'קדושה', און זיך אויפגעשטעלט מיט אלעמען ווען מען האט ארויסגענומען דעם ספר תורה פון ארון הקודש.

דער בעל קורא האט אנגעהויבן ליינען די וואכעדיגע פרשה, און אינמיטן ליינען 'שני' האט זיך אלע געוואונדערט צו זען ווי דער עלטערער גאסט שטייט אויף פון זיין פלאץ און גייט מיט א שנעלקייט צו די בימה. ער איז צוגעגאנגען צום גבאי'ן און געבעטן אויף די אידישע שפראך מיט א שווערן ליטווישן אקצענט מען זאל אים אויפרופן צו די תורה.

דער איבערראשטער גבאי האט צוגעשטימט און אים אויפגערופן אויף 'שלישי'. עמיצער האט באוויליגט אים צו לייען א טלית, און דער אלטער האט אנגעהויבן זאגן די ברכות בעל פה, מיט א טיפן און לאנגזאמער שטימע און מיט א ציטער פון התרגשות: "אשר בחר בנו מכל העמים...". א גענצליכע שטילקייט האט געהערשט אין שול ווען דער בעל קורא האט פארענדיגט ליינען און אלע האבן זיך צוגעהערט ווי דער אלטער מענטש וויינט ביי די ווערטער: "וחיי עולם נטע בתוכנו".

ביים ענדיגן די ברכה האט דער אלטער זיך נישט גערירט פון זיין פלאץ, ער האט אראפגעבויגן זיין קאפ אויף די בימה און אין לויף פון א לאנגע צייט האט ער 'אמערליך געוויינט. ער האט זיך נישט בארוהיגט ביז זיין זון איז אויפגעשטאנען און אים בארוהיגט דורך רעדן צו אים אין א פרעמדן שפראך.

דער אלטער האט זיך אומגעקערט צו זיין ארט, די גערודער האט זיך בארוהיגט און דאס ליינען האט פארגעזעצט ווי אייביג.

ווען די דאווענען האט זיך געענדיגט, זענען א טייל פון די מתפללים צוגעגאנגען צום אלטיטשקן וואס איז נאך געזיצן אויף זיין ארט, און געוואלט הערן פון אים ווער ער איז, פון וואו קומט ער, און וואס האט אים צוגעברענגט אזוי שטארק וויינען ביי די ענדע פון די ברכה.

אלס א ענטפער האט דער אלטער מיטגעשלעפט די צוהערער צו די אמאליגע צייטן פון ווילנא, זיין היימשטאט.

אין די אויערן פון זיינע צוהערערס האט ער אפגעשפילט דאס לעבן אין די עיר הגדולה לאלקים וואס אסאך פון אירע איינוואוינער האבן באלויכטן דער וועלט. אט שטעלט ער פאר אקעגן זייערע אויגן די הויז פון די גר"א, און נישט ווייט פון דארט דער קלויסטער וואו דער בארימטער גר צדק איז געווען פארשפארט, דא זענען די בתי מדרשות פול מיט תלמידי חכמים און ערליכע בעלי בתים, דא קומען פאר די סאך שיעורי תורה וואס זענען איבערגעגעבן געווארן דורך גאונים וצדיקים פאר די ערליכע איינוואוינער וואס זייער גאנצע שטרעבן איז געווען צו שטייגן אין תורה.

"עטליכע חדשים איידער איך בין אלט געווארן דרייצן יאר", האט דער אלטער דערציילט, "האב איך געהערט ווי מיין טאטע און מאמע שמועסן צווישן זיך שטילערהייט וועגן די פארזעצונג פון מיין וועג. מיין מאמע עליה השלום האט געוואלט איך זאל ווייטער לערנען אין ישיבה, ווען פאר מיין טאטע האט געצויגן מיך צו שיקן אין אן פרעמדן סעמינאר.

מיין טאטע וועלכער האט געהאלטן פון ליבעראליזעם און זעלבסטשטענדיגקייט, האט גע'טענה'ט אז מיין שטודירן אין גימנאזיע, וועלן פארשטארקן מיין אידישן באוואוסטזיין. לויט זיין מיינונג, דורך דעם וואס איך וועל מקיים זיין די מצוות זייענדיג איין איד צווישן גויים, וועל איך ווערן א ערוואקסענער איד מיט א פעסטע פערזענליכקייט און מיינונג.

מיין פאטער האט זיך פאר'עקשנ'ט מיך איינשרייבן אין גימנאזיע, און נאך עטליכע וואכן האב איך זיך געפונען שטודירן אין גימנאזיע צו זיין צופרידנקייט. פיר חדשים שפעטער, אין בעפארברייטונג צו די שבת וואס איך בין געווארן דרייצן יאר, האב איך פלייסיג איבערגע'חזר'ט די עליה פון 'מפטיר', און שבת קודש האב איך עולה געווען צו די תורה, באגלייט מיט מיין טאטנס שטאלצע שמייכל, און מיין מאמע'ס טרערן.

ווען איך בין אראפ מיט מיין טאטן פון די באלעמער ווען די מתפללים זינגען לכבוד מיר, האט דער גאון הדור, רבי חיים עוזר גראדזינסקי זצ"ל, בשעת'ן שאקל'ען מיין טאטנ'ס האנט מיט א 'מזל טוב', אים אריינגעשעפטשעט אין די אויערן מיט א שטרענגקייט: 'טייערער טאטע, פאר דיין טובה און די טובה פון דיין זון וויל איך דיך ווארענען, אויב דו וועסט נישט צוריק ציעהן און ארויסנעמען דיין זון פון דער גימנאזיע, קענסטו זיין פארזיכערט אז עס וועט אריבער אסאך יארן ביז ער וועט נאכאמאל עולה זיין צו די תורה'.

מיין טאטע האט מיט הכנעה צוגעהערט צו די ווערטער פון דעם גדול הדור, אבער למעשה האט ער נישט געענדערט זיין מיינונג. היינט, זיבעציג יאר נאך דעם אינצידענט, קען איך עדות זאגן אז ר' חיים עוזר איז גערעכט געווען. א שטיק צייט שפעטער, אונטער די השפעה פון די שלעכטע געזעלשאפט אין דער גימנאזיע האב איך אפגעלאזט דאס אידישקייט, און פון יענע שבת ביזן היינטיגן טאג, האב איך אפילו איין מאל נישט עולה געווען.

זינט מיר זענען ארויף קיין ארץ ישראל ביז יעצט בין איך אסאך מאל דא אדורך, אבער ערשט היינט, אן וויסן פארוואס, בין איך געצויגן געווארן אריינצוגיין אין שול. ווען דער בעל קורא האט אנגעהויבן ליינען, האב איך פארשטאנען פארוואס מיר האט אזוי געצויגן אריינגיין; דאס איז געווען פונקט די פרשה וואס איך האב עולה געווען שבת בעפאר מיין בר מצוה. יעצט זאגט איר אליין, קען זיין איך זאל נישט איבערגענומען ווערן?!"

"דער גאון רבי חיים עוזר איז גערעכט געווען", האט דער עלטערער איד געזאגט מיט טרויער, ווען זיין בליק איז געפאלן אויף זיין זון מיטן הוילן-קאפ וואס איז געזיצן נישט ווייט, און האט צוגעהערט צו זיין פאטער'ס ווערטער אן צו פארשטיין איין ווארט.

די מתפללים זענען זיך צוגאנגען צו זייערע הייזער, און נאר דער אלטער איז געבליבן אליין אין שול, ווען ער ערקלערט פאר זיין זון אויף רוסיש אלעס וואס איז אריבער אויף אים.

'מאורות הדף היומי' כ"ח בחשון תש"ע

## דין 'אמן קצרה'

### ענטפערן אמן געלאסן

**א. מען טאר נישט ארויסזאגן 'אמן' מיט א איילעניש, אויף א אופן וואס עס זעהט אויס ווי א שווערע לאסט אויף דעם וואס ענטפערט אמן, נאר מען דארף מען זאגן געלאסן.**

מקורות וביאורים:

דער רמב"ם שרייבט (ברכות א יד): "כל העונה אמן, לא יענה לא אמן חטופה ולא אמן קטופה ולא אמן קצרה ולא ארוכה, אלא אמן בינונית". די באגריף פון 'אמן קצרה' ווערט נישט דערמאנט אין די נוסח פון די ברייתא וואס מיר האבן (ברכות מז א), אבער אסאך פון די ראשונים זענען אזוי גורס אין די ברייתא, אויסער די איסור ענטפערן אמן 'חטופה', 'קטופה' און 'יתומה', איז אויך דא א איסור ענטפערן א 'אמן קצרה' ('סדר רב עמרם גאון' סי' פג; רי"ף ברכות לד שם ב מדה"ר; רא"ש ברכות ז יז, ועוד), און אזוי איז אויך געווען די גירסא פון רמב"ם ('מעשה רקח' שם). לויט דעם איז גע'פסק'נט אין 'שלחן ערוך' (קכד ח): "ולא יענה אמן קצרה אלא ארוכה קצת".

פון לשון הרמב"ם (שם) "ולא אמן קצרה ולא ארוכה, אלא בינונית", זעהט אויס אז 'אמן קצרה' איז די פארקערטע פון 'אמן ארוכה', ד.מ. אז ער זאגט עס שנעל, אזוי ווי רבינו מנוח טייטש דארטן. אבער רבינו יונה (שם לד ב מדה"ר) האלט אז ענטפערן שנעל איז די איסור פון 'אמן חטופה', וואס ער טייטש עס אזוי: "ער כאפט אפ די ווארט און זאגט עס מיט א איילעניש", דערפאר טייטש ער אז 'אמן קצרה' איז די כוונה אז ער היפערט דעם אות 'אלף' און ענטפערט 'מִן', אדער ער איז נישט מאריך מיטן ארויסזאגן די אות 'אלף'.

רבינו מנוח (שם) ערקלערט אז די פעלער פון אמן וואס ווערט געזאגט שנעל איז מיט דעם ווייל דער וואס ענטפערט ווייזט ארויס א גרינגשעצונג אין די מצוה, ווי עס וואלט געווען א שווערער לאסט וואס מען וויל זיך פון דעם פטר'ן, און אזוי שרייבט דער 'משנה ברורה' (שם ס"ק לו). אבער פון לשון הטור (שם) וואס שרייבט "שלא ימהר לאומרה שלא בכוונה", זעהט אויס אז די פעלער פון זאגן שנעל אמן איז צוליב דעם וואס מען קען נישט אינזין האבן.

**ב. די חכמים זאגן (ברכות מז א): "כל המאריך באמן - מאריכים לו ימיו ושנותיו". אבער מען זאל נישט צו אסאך מאריך זיין, ווייל דורך דעם פארלירט די ווארט איר ריכטיגן באדייט.**

מקורות וביאורים:

דער 'בן איש חי' ערקלערט אז וועגן דעם דאפלען די חכמים און זאגן: "מאריכים לו **ימיו ושנותיו**", ווייל דער שכר פון דער וואס איז מאריך מיטן ענטפערן אמן איז געדאפלט; ער איז זוכה צו 'אריכות ימים' באיכות - די טעג וועלן אויסקוקן ווי לאנגע צוליב דעם וואס זיי וועלן זיין פול גוט'ס (ראה יבמות סג ב), און צו 'אריכות שנים' - עס וועלן אים צוקומען נאך לעבנ'ס יארן. דער טעם דערפון איז ווייל 'אמן' איז בגימטריה צ"א, אזוי ווי די גימטריה פון די צוויי שמות הקדושים הוי"ה און אדנ"י, דערפאר דער וואס איז מאריך אין דעם איז זוכה צו שכר אויף יעדן הייליגן שם באזונדער ('בן יהוידע' ברכות שם). און אין תלמוד ירושלמי (ברכות ח ח) איז די גירסא אויף דעם "מאריכים לו ימיו ושנותיו **בטובה**".

דער טור (קכד) ברענגט די גירסא פון אסאך פון די ראשונים אין די ווערטער פון בן עזאי (שם): "העונה אמן קצרה - יתקצרו ימיו". אזוי אויך זעה נאר וואס דער זוהר שרייבט (שלח קסב א): "מאן דקצר אמן...יתקצר מחיין דהאי עלמא [דער וואס פארקורצערט דעם אמן - וועט זיין לעבן אויף דער וועלט פארקורצערט ווערן] און אין די טייטשן פון די מפרשים אויפן ארט.

נאך זאגן די חכמים (שם): "כל העונה אמן יותר מדאי - אינו אלא טועה". און דער טעם ערקלערט תוספות (שם ד"ה כל) אז ווען ער איז מאריך צופיל, פארלירט די אמן איר באדייט, און אזוי פסק'נט דער 'שלחן ערוך' (שם).

**ג. עס איז פאסיג אז דער צייט פון זאגן 'אמן' זאל זיין וויפיל צייט עס געדויערט זאגן די ווערטער: 'א-ל מלך נאמן'.**

מקורות וביאורים:

דער ראבי"ה שרייבט (ח"א סי' קכו): "עס שטייט אין ירושלמי: העונה אמן ארוכה מאריכים לו ימיו בטובה, וויפיל איז די שיעור - ער זאל קענען זאגן א-ל מלך נאמן", און אזוי ברענגט דער 'בית יוסף' (שם) אין נאמען פון 'הגהות מימוניות' (דפוס קושטא, ברכות א יד), אבער אין אונזער ירושלמי (ברכות ח ח) טרעפן מיר נישט דעם לשון. און זעה אין 'דרכי משה' (שם ה), וואס האט אזוי אפגעלערנט אין תוספות (שבת קיט ב ד"ה אמר), אז מען דארף טראכטן די ווערטער "א-ל מלך נאמן" אין דער צייט וואס מען ענטפערט אמן.

דער 'משנה ברורה' (שם לו) ערקלערט פארוואס האט מען געזאגט אז די לענג פון אמן איז דווקא די ווערטער ווייל "דאס איז די טייטש פון 'אמן'... און איר ר"ת" (כמבואר בשבת קיט ב. וראה 'אור זרוע' ח"א סי' קצג).



### צווישן די ראשי אלפי ישראל

**"אֵלֶּה קְרוּאֵי הָעֵדָה נְשִׂיאֵי מַטּוֹת אֲבוֹתָם רָאשֵׁי אַלְפֵי יִשְׂרָאֵל הֵם"** (א טז)

די חכמים זאגן (שבת קיט ב) "כל העונה אמן בכל כוחו פותחים לו שערי גן עדן". דער **מהרש"א** (ח"א, שבת קיט ב) איז מדייק פון דעם וואס די גמרא כאפט אן: "פותחים לו **שערי** גן עדן" - מיט א לשון רבים, אז לכבוד דער וואס ענטפערט אמן עפענען זיך אויף די טויערן פון אלע אינעווייניגסטע אפטיילונגען אין גן עדן, און נישט נאר דער טויער פון די ספעציעלע אפטיילונג וואס ער פארדינט זיך. ווייל אין די צייט וואס אויף אלע מצוות איז דער מענטש זוכה צו א וואוינונג אין גן עדן לויט זיינע מעשים, און אזוי ווי די חכמים זאגן (שבת קנב א): "כל צדיק וצדיק נותנים לו מדור לפי כבודו", אנדערשט איז דער וואס איז מקיים די מצוה פון ענטפערן אמן מיט זיין גאנצן כח, אז די טויערן פון אלע אפטיילונגען אין גן עדן זענען געעפנט פאר אים - אויך די וואס לויט זיין מדריגה איז ער נישט ראוי צו דעם (ראה זוהר תרומה קעח א).

די דורשי רשומות האבן געטראפן א רמז אויף דעם אין דער פסוק אין אונזער פרשה: "נְשִׂיאֵי מַטּוֹת אֲבוֹתָם" - איז ראשי תיבות 'אמן', דער וואס ענטפערט אמן איז זוכה צו זיצן מיט "קְרוּאֵי הָעֵדָה נְשִׂיאֵי מַטּוֹת אֲבוֹתָם רָאשֵׁי אַלְפֵי יִשְׂרָאֵל" אין גן עדן, ווען עס וועלן זיך עפענען פאר אים די טויערן פון אלע אפטיילונגען.

'כרם ד"ל'

### אכטונג געבן אויף ענטפערן אמן

**"וְאַתָּה הַפְקֵד אֶת הַלְוִיִּם עַל מִשְׁכַּן הָעֵדֻת וְעַל כָּל כֵּלָיו וְעַל כָּל אֲשֶׁר לוֹ הֵמָּה יִשְׂאוּ אֶת הַמִּשְׁכָּן וְאֶת כָּל כֵּלָיו וְהֵם יְשָׁרְתֻהוּ וְסָבִיב לַמִּשְׁכָּן יַחֲנוּ"** (א נ)

**רבי יעקב אבוחצירה בעל 'אביר יעקב' זאגט:**

'הלוים' איז גימטריה אמן, און ווייל די נאמען 'לוי' סימבאלעזירט באהעפטן, אזוי ווי עס שטייט (בראשית כט לד): "הַפַּעַם יִלָּוֶה אִישִׁי אֵלַי... עַל כֵּן קָרָא שְׁמוֹ לֵוִי", קען מען פון דא לערנען אז די מהות פון 'אמן' איז די באהעפטונג פון די צוויי שמות הוי"ה און אדנ"י וואס צוזאמען זענען זיי גימטריה 'אמן'.

דער אויבערשטער האט באפוילן משה'ן: "הַפְקֵד אֶת הַלְוִיִּם" - זאלסט באפעלן די אידן אויף ענטפערן אמן, "ווייל אסאך פעולות ווערן געטוהן אויבן דורך ענטפערן אמן, ווייל דורכדעם באהעפטן זיי די שם הוי"ה און אדנ"י, און הייבן אויף די עולמות און ברענגען אראפ די שפע".

'פתוחי חותם'

# מאוצרות אמונים

### מחנך זיין קליינע קינדער אויף ענטפערן אמן

## לויבן ה' דורך ענטפערן אמן

דער **רבי ר' מנחם מענדל מרימנוב** פלעגט טייטשן דעם פסוק (ויקרא יט כג-כד): "שלש שנים יהיה לכם ערלים לא יאכל; ובשנה הרביעית יהיה כל פריו קודש הלולים לה'", חז"ל זאגן אז א קליין קינד איז זוכה צו עולם הבא פון ווען ער ענטפערט אמן: אין זיינע ערשטע דריי יאר איז ער דערווייל ווי א ערל. אבער "ובשנה הרביעית" ווען ער קען שוין רעדן, לערנט אים זיין פאטער צו לויבן ה' דורך ענטפערן אמן, און פון דעמאלטס: יהיה כל פריו קודש הלולים לה'" ('מנחם ציון' פרשת המן).

## א הייליגע לבוש אין זכות פון אמן

די סיבה פארוואס דווקא ענטפערן אמן איז מזכה דעם קטן דעם קליין קינד צו חיי עולם הבא, ערקלערט דער בעל 'שומר אמונים' (מאמר פתחו שערים סוף פרק ו) אזוי: "ווען דער קינד קומט אראפ אויף דער וועלט איז ער אן א צורה, און קען נישט זוכה זיין צו די אור פון עולם הבא, ווייל צו דעם פעלט אויס א 'לבוש', ווי עס שטייט אין זוהר הק' (בראשית ז א, און אין אנדערע ערטער) אז אן א לבוש איז אוממעגליך אריינצוגיין אין גן עדן, און אויב דער קינד איז זוכה ענטפערן אמן, באקומט ער א צורה און א לבוש.

כאטש דער קינד ווייסט גארנישט וואס טוהט זיך רעכט אדער לינקס, טראץ דעם, אזוי גרויס איז דאס ענטפערן אמן אז אפילו אן וויסן באקומט די קינד א הייליגע לבוש, און איז זוכה זיך אנצוטוהן מיט דעם לבוש וואס דאס איז - אמונה".

## די וויכטיגע חינוך אין אונזער דור

דער תולדות אהרן רבי בעל 'דברי אמונה' זצ"ל האט געזאגט:

אמאל, אין די פריערדיגע דורות, ווען מען האט געדאוונט מיט גרויס התעוררות, האט מען נישט געדארפט אריינלייגן ספעציעלע כוחות ביי די יונגע קינדער איבער די וויכטיקייט פון דאווענען, ווייל די תפילה פון די עלטערן האט געהאט השפעה אויף זייערע קינדער. אבער היינט, וואס די דאווענען איז ליידער אזוי קאלט, דארפן מיר טוהן השתדלות און אויפפאסן אויף די קינדער זיי זאלן דאווענען, ווייל אויב מען וועט נישט אינוועסטירן אין דעם קענען די קינדער פארלירן די נאנטקייט און שייכות צום דאווענען, און די רעזולטאטן פון דעם קענען זיין געפערליך. און איך האב שוין געזען אין עטליכע שוהלן, אז בשעת'ן דאווענען דרייען זיך די קינדער ארום אינדרויסן און דאווענען כמעט גארנישט, אויסער די קינדער וואס האבן נאטורליך א געפיל צום דאווענען.

דעריבער איז וויכטיג צו אויפפאסן און ערציען די קינדער שוין פון קליינערהייט אז זיי זאלן דאווענען ווי עס דארף צו זיין, אזוי ווי עס שטייט (משלי כב ו): "חנוך לנער על פי דרכו גם כי יזקין לא יסור ממנה". מען דארף אויפפאסן אז די קינדער זאלן נישט פארפעלן די תפילות, זיי זאלן נישט דאווענען שנעל, זיי זאלן נישט רעדן ביי חזרת הש"ץ, און זיי זאלן ענטפערן אמן און אמן יהא שמיה רבא אויפן קול און מיט כוונה.

'הדרכה למלמדים ולחינוך הבנים' מאמר חינוך הבנים עמ' ה

# אגרות אמונים

### א בריוו פון א געטרייער ליינער

לכבוד די מערכת 'בני אמונים'

שלום וברכה

אין די לעצטע יאר, פון ווען איך האב אנגעהויבן ליינען די וואונדערליכע גליונות וואס איר דרוקט און פארשפרייט, בין איך אויך נאכגעשלעפט געווארן אין די 'שטראם' פון מענטשן וואס ענטפערן אמן אויף די ברכות השחר... איך האב שוין ב"ה זוכה געווען ענטפערן עטליכע הונדערטער מאל 'אמן' אויף ברכות השחר פון די מתפללים אין אונזער קהילה. אין די לעצטע צייט האב איך אויך זוכה געווען צו ארגאניזירן אזוי ווי א 'חבורת התחזקות בעניית אמן' פאר די קינדער פון דער קהילה, און בחסדי ה' זע איך א ברכה אין מיין ארבעט ווען די אקטיוויטעטן פארברייטערן זיך ווייטער.

איך וויל אייך מיטטיילן מיט א השגחה פרטית וואס איך געהאט אין דעם ענין. איין טאג די וואך בין איך געצווינגען געווען אויפשטיין און דאווענען אין א מנין וואו איך קען נישט די מתפללים. איך האב אוודאי נישט געוואלט אפזאגן מיין חזקה, האב איך פארלוירענערהייט געזוכט עמיצער וואס וועט ווען ענטפערן אמן אויף מיינע ברכות.

איין מינוט שפעטער, איז צוגעקומען צו מיר איינער פון די מתפללים דארט, און מיך געבעטן אז איך זאל מוציא זיין די ברכה 'המעביר שינה', ווען ער זאגט מיר אריין אין די אויערן, איך זאל אים נישט חושד זיין אז ער איז אויף געווען די נאכט... נאר וויבאלד ער האט געזאגט די ברכות שנעל און אפגעכאפט, געדענקט ער נישט צי ער האט געזאגט די ברכה 'המעביר שינה' צי נישט.

פארשטייט זיך, אז איך האב געזאגט די אלע ברכות געלאסן, און צו מין פרייד האט ער ווי א גוטער מלאך געענטפערט אמן אויף אלע ברכות וואס איך האב געזאגט.

איך האב צו מיר געטראכט, וואלט יענער זיך געהאט מקבל געווען זאגן ברכות השחר מיט א חברותא וואס ענטפערט אמן, וואלט ער זיכער נישט געקענט פארגעסן צי ער האט געזאגט די ברכה אדער נישט...

יישר כוחכם, און טוהט אויף אסאך לכבוד ה' ותורתו

**מנחם ג.**

---

מען קען שיקן בריוון צו די פאקס: 08-9746102
אדער צו די אימעיל אדרעס: 9139191@gmail.com

# שעדי גן עדן

### אמן און ברכות אין די וועג פונעם בעל הילולא

## דער 'בעל שם טוב'

### ו' סיון תק"כ



א בילד פון די שוהל פון בעש"ט אין מעזיבוז

רבי ישראל וואס איז באקאנט מיט זיין צונאמען 'בעל שם טוב', איז געבוירן געווארן אין שטעטל אוקאפ אין אוקריינע צו זיין פאטער רבי אליעזר און זיין מוטער מרת שרה. זיינע עלטערן וועלכע זענען געווען זייער אלט ווען ער איז געבוירן געווארן, זענען נפטר געווארן אין זיינע יונגע יארן, און שוין פון קינדהייט אן פלעגט ער אפטמאל גיין אויף התבודדות.

ווען ער איז געווען בערך פערצן יאר אלט, האט דער מקובל רבי אדם בעל שם געשיקט א פעקל כתבים וואס האבן ענטהאלטן סודות התורה וואס געהערן צו זיין שורש נשמה.

אין עלטער פון זעקס און דרייסיג יאר, האט זיך אנגעהויבן צו אנטפלעקן זיין אור. ער איז גאר שנעל באקאנט געווארן און האט געגרינדערט זיין וואוין-ארט אין שטאט מעזיבוז, און פון דעמאלטס האבן אנגעהויבן אסאך צו שטראמען צו זיין הויף. צווישן די באקאנטע תלמידים ווערן פאררעכנט: דער מעזריטשער מגיד - זיין יורש און ממשיך דרך, זיין שוואגער רבי גרשון מקיטוב, רבי יעקב יוסף מפולנאה בעל 'תולדות יעקב יוסף', רבי פנחס קאריצער, רבי ר' יחיאל מיכל מזלאטשוב, דער שפאלער זיידע רבי לייב, און נאך אסאך.

אין יאר תק"כ אין דעם ערשטן טאג יו"ט שבועות איז דער בעל שם טוב הק' נסתלק געווארן און איז באערדיגט געווארן אין די בית החיים אין מעזיבוז.

## ברכות השחר אין שוהל

האדמו"ר רבי אליעזר צבי מקאמארנא שרייבט אין זיין הקדמה אויף זיין ספר 'אור עינים' (ח"ב, כלל כא) אז אויף יעדן איד, "און איבערהויפט דער וואס איז א בעל נפש יקרה" ליגט צו זאגן די 'ברכות השחר' אין שוהל, כדי צו מזכה זיין די אידן מיט ענטפערן אמן. און לייגט צו און זאגט, "און אזוי האט זיך געפירט מרן ה'בעל שם טוב' זלה"ה".